# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **נח - לך לך** תשפ״ג ◆ עלון מס׳: **100**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### לא יאונה לצדיק כל אוון

ווען דער רבי אין חובת הלבבות רעדט ארום וועגן פעלער ווען א מענטש דארף אנקומען צו די הילף פון אנדערע מענטשן אז זיי זאלן אים א טובה טון, לייגט דער רבי צו א וויכטיגע הערה.
דער רבי לייגט צו אז מיר וויסן אז דער בורא כל העולמים איז מגלגל אז א טובה זאל קומען צו גיין פון די צדיקים. דא, לייגט דער רבי צו דער פסוק אין משלי [י״ב] לא יאנה לצדיק כל אוון.
דער פסוק ווערט מערערע מאל ציטירט אין די ווערטער פון חז״ל. דערמיט ווילן חכמים אונז אויסלערנען אז א צדיק געניסט פון א ספעציעלע השגחה פרטית. דער פסוק ווערט אראפגעברענגט אויף אברהם אבינו, אויף משה רבינו און אויך אויף צדיקים וואס האבן געלעבט אין די שפעטערע דורות.
פון דעם זעען מיר אז די צדיקים האבן אן עקסטערע שמירה. מען היט זיי פון אויבן. מען געבט אכטונג אויף זיי אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן אין קיין עבירה. עס קען זיך דוכטן פאר א איד אז היינטיגע צייטן איז שוין קיין איינער נישט קיין צדיק, אז קיין איינער קען שוין נישט זוכה זיין צו די דרגה, אבער דער אמת איז אז אויך א איד וואס לעבט אין דעם היינטיגן דור קען זוכה זיין צו די דערמאנטע שמירה עליונה.
דער נביא אין חבקוק זאגט 'וצדיק באמונתו יחיה' אז א איד וואס שטארקט זיך אין בטחון און אין אמונה, ווערט אנגערופן א צדיק. אויך א איד וואס איז נישט אין די דרגה פון זיין אן אמת'ער מאמין, אבער ער וויל זיך דערנענטערן צו די אמונה איז שוין זוכה צו די ספעציעלע סייעתא דשמיא און מען היט אים אפ פון אויבן, ווי דער פסוק זאגט, לא יאונה לצדיק כל עוון.
ווי מיר מען שטארקט זיך אין די אמונה אלץ שטערקער ווערט די שמירה.
מיר זענען טאקע נישט אין די דרגה פון די אבות הק׳ אבער זיי האבן איינגעפלאנצט אין אונז די נושא פון אמונה, און לאמיר זען וויאזוי עס איז ביי זיי מקויים געווארן דער לא יאונה לצדיק כל עוון.
צווישן די ערשטע נסיונות וואס השי״ת געבט פאר אברהם רבינו איז אז ער זאל פארלאזן זיין היימשטאט חרן און זיך באזעצן אין א נייער לאנד. וואו זאל ער גיין? השי״ת זאגט אים נישט וואו ער זאל גיין. עס איז א דאפלטער נסיון. מען באפעלט דיר צו פארלאזן דיין לאנד און מען זאגט דיר נישט וואו אהין דו זאלסט גיין, אבער אברהם אבינו פאלגט די נסיון. ענדליך ווען ער דערגרייכט שוין אין ארץ ישראל און ער איז שוין אויפ'ן ארט וואו ער דארף זיין ברענגט השי״ת אונטער א פרישע נסיון. צום ערשטן מאל אין די היסטאריע ברעכט אויס א שווערע הונגער און אברהם אבינו מוז נאכאמאל נעמען דער וואנדערשטעקן אין די הענט אריין און אראפגיין צו די לאנד וואו עס איז דא אסאך עסן, קיין מצרים.
אונטערוועגנס קומט אונטער א פרישע סכנה. אברהם אבינו הייבט אן צו זארגן וועגן זיין פרוי שרה. ער זארגט אז די מצריים וועלן איר צונעמען און טראגן צו פרעה, צוליב איר זעלטענער שיינקייט. ער באהאלט איר אין א קאסטן אבער די מצריים זעענדיג דער קאסטן פארדעכטיגן זיי אז עפעס באהאלט זיך דא. זיי פאדערן אז מען זאל עפענען די קאסטן. מען עפנט די קאַסטן און די מצרים זעען דארט שרה און זאגן אז זי פאסט זיך פאר פרעה.
מען פאנגט שרה אמנו, מען ברענגט איר פאר פרעה. ווען מען נעמט איר צו פרעה הייבט אברהם אבינו אן צו וויינען. ער וויינט פאר השי״ת און ער זאגט פאר אים רבונו של עולם, איך האב זיך פארלאזט אויף דיר, איך בעט דיר, צוליב דיין גרויס רחמנות העלף מיר.
אויך שרה אמנו איז מתפלל. זי בעט ביי השי״ת אז זי זאל ניצול ווערן פון דעם רשע און השי״ת הערט זייער געבעט. ער זאגט זיי אז זיי דארפן נישט זארגן ווייל קיין שום שלעכטס וועט זיי נישט פאסירן ווי דער פסוק זאגט שוין **״לא יאונה לצדיק כל און, ורשעים מלאו רע״.**
אין יענע שעה קומט אראפ א מלאך פון הימל. אין זיין האנט האט ער געהאלטן א שטעקן און מיט די שטעקן האט ער אנגעהויבן געבן פאר די מצריים הימלישע פעטש. ווען פרעה האט געוואלט צורירן צו שרה האט דער מלאך א פרעג געגעבן שרה צי ער זאל שלאגן און לויט איר ווארט האט דער קעניג אריינגעכאפט קלעפ, לקיים מה שנאמר, **לא יאונה לצדיק כל אוון ורשעים מלאו רע.**
אסאך נסיונות איז אברהם אבינו מיט די אבות אריבער אין זייער לעבן. יעדער נסיון איז געווען א הכנה פאר אונז. אז מיר, די קינדער פון אברהם אבינו, זאלן באקומען די כוחות און די כלים זיך צו קענען פארמעסטן און געווינען די מלחמה קעגן דעם יצר הרע. אברהם אבינו מיט שרה זענען ניצול געווארן דורך וואס זיי האבן זיך געהאלטן שטארק אין די בטחון און דער זעלבער כח האבן מיר אויך. אין יעדער איד באהאלט זיך אזא כח. אלעס וואס מיר דארפן טון איז צו דערוועקן די נקודה און עס אויפפלאמען.
וואס איז דער וועג וואס מיר קענען נוצן אויפצופלאמען אין אונז די נקודה? די תשובה דערויף איז אז מיר וועלן לערנען קביעות'דיג די ספרי קודש וואס רעדן פון אמונה וועלן מיר זוכה זיין זיך צו שטארקן אין אמונה. דורך זיי וועלן מיר זיך שטארקן און שטארקן. חזק! חזק! ונתחזק

(ארויסגענומען פון שיעור 135 אין שער הבטחון)

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### הונדערט מאל! דאנקען און לויבן

וואס גייט איר מאכן עפעס ספעציעל צו דער הונדערסטער גליון? האבן מיר מענטשן געהאלטן אין איין פרעגן. די אידן האבן געוואלט וויסן צי אונז גייען קומען צו גיין צום הונדערסטן גליון מיט א חידוש! אפשר גייען מיר טוישן דער אויסזען, דער שטאנץ פון די גליון.
עס איז ריכטיג אז דער נומער הונדערט איז א קיילעכדיגער נומער. עס איז א נומער וואס באריכט און ברענגט ארויס די התרגשות ביי יעדן, אבער טראכטנדיג וואס מיר קענען מאכן זענען מיר אנגעקומען צו די מסקנא אז אין אזא צייט איז די בעסטע זאך וואס מען קען טון - צולייגן נאך און נאך הודאה.
עס מאכט זיך אסאך מאל אז מען שיקט אריין פאר א מענטש א נסיון. דער מענטש איז מצליח אין זיין לעבן, עס גייט אים גוט, ער רעדט זיך איין אז עס איז זיין הצלחה, אז די קרעדיט קומט זיך פאר אים. דער איד ווייסט נישט אז עס איז א נסיון אבער אין הימל שטייט מען און מען קוקט זיך צו, מען וויל זען צי דער איד גייט זיך לאזן איבעררעדן אז עס איז זיין הצלחה, אדער וועט ער געדענקען אז אלעס קומט פון אויבן, אז אלעס מאכט דער רבוש״ע, אבער ווען עס קומט צו גיין די גליון פון השגחה פרטית קען מען זיך נישט נארן.
דער קאלום וואס מיר שרייבן דא איז צו קורץ אז מיר זאלן קענען אין אירע ענגע שורות אראפשרייבן אלע גילויים וואס מיר האבן געזען עין בעין פון דער טאג וואס מיר האבן עס געגרינדעדט ביז'ן היינטיגן טאג.
אז מען דארף עס זאגן אין איין ווארט: קען מען רואיג זאגן אז דער גליון איז דער גליון פון השי״ת, די האטליניע איז די האטליניע פון השי״ת, אלעס וואס מיר האבן דערגרייכט איז נישט קיין מעשה ידי האדם, עס איז פון אויבן.
און שטייענדיגביים הונדערסטער גליון איז נישט דא מער ווי צו אויפהייבן די אויגן למעלה און לויבן השי״ת אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין די שלוחים, אז אין אונזערע הענט האט השי״ת אריינגעלייגט אזא וואונדערליכע פקדון און מיר זענען זוכה צו ממלא זיין די שליחות, אויף ווי וויט מיר קענען.
אין די פארלאפענער יום טוב טעג האבן מיר זוכה געווען צו פראווענען צוויי גרויסע כינוסים, איינס איז געווען אין ירושלים, די צווייטע איז געווען אין בני ברק. בייביידע האבן זיך באטייליגט הונדערטער אידן. עס איז א מורא'דיגער כינוס, אבער מער ווי אלעס איז עס געווען א מחזה הוד. עס איז געווען א הערליך בילד צו זען ווי הונדערטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן, יחד שבטי ישראל, נעמען זיך צוזאמען און קומען אנטיילנעמען אין די כינוסים מיט איין ציל, ווייל זיי ווילן זיך דערנענטערן צום בורא עולם, זיי ווילן זיך מתחזק זיין באמונה און אין בטחון שטערקער, ווי ביז היינט.
די כינוסים איז נישט נאר געווען א פיזישער צוזאמענקום. אין זיי האט זיך ארויסגעגעבן די טיפער עומק פון די טיפעניש פון הארץ וואס עס טוט זיך אפ אין הארץ פון א יעדער איד, א גאנץ יאר. מען האט געזען וואס דער איד וויל באמת. מען האט דערקענט זיין השתוקקות, די אינערליכע גלוסטעניש פון יעדער איד צו ווערן צום באשעפער, צו זיין טאטע אין הימל. דאס איז דער וועזן פון יעדער איד. צו דעם שטרעבט ער און דאס וויל ער פון צופרי ביז ביינאכט.
יעצט ווען מיר צייכענען אפ דער הונדערסטער גליון איז א צייט צו לויבן. מיר זענען מקיים דער להודות והלל און דער לבקש ולהתפלל אויף ווייטער. מיר ווילן קענען אויפטון מער און מער. מיר ווילן קענען אריינשיינען די אור פון אמונה ובטחון און מאיר זיין און מלהיב זיין יעדער איד אין די וועלט.
דער גליון גייט היינט ארויס אין פיר שפראכן. עס גייט ארויס אין לשון הקודש, אין אידיש, אין ענגליש, אין פראנצויזיש און מיר האפן אויף נאך און נאך. מיר וועלן נישט זיין צופרידן ביז יעדער איד וועט האבן דער גליון, ביז ווען יעדער איד וועט ווערן נענטער צו השי״ת דורך דעם און מיר בעטן זיך ביים רבון העולמים אז אזוי דו ביסט געווען מיט אונז ביז היינט זאלסטו ווייטער זיין מיט אונז, אל תעזבנו ואל תטשנו, העלף אונז אז מיר זאלן קענען ממשיך זיין און מפיץ זיין דער אור ווייטער און ווייטער און אנפולן אידישע הערצער מיט נאך אמונה, בטחון, שמחה והודיה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## א מנין מיט א היטש

ווען מיין זון מאיר האט זיך איינאיינעם מיט זיין חבר ארויסגעלאזט פון ירושלים קיין מירון האבן זיי איינאכט גענומען אז ביי אלע תפילות וואס זיי דאווענען זאלן זיי האבן א מנין אבער נאכ'ן ארויפגיין אויפ'ן באס, וואס פירט זיי צוריק קיין ירושלים, האבן זיי נאכ'ן מאכן א חשבון, אנערקענט אז זיי האבן געגרייזט און ביז זיי וועלן אנקומען צוריק קיין ירושלים וועלן זיי נישט קענען דאווענען מנחה מיט א מנין.

טראכטנדיג וואס זיי קענען טון זענען זיי אריבערגעפארן די שטאט קרית שמונה און זיך בארעכענט אז זיי גייען דא אראפ. זיי וועלן דא אין שטאט זוכן א מנין און זיך שפעטער צוריקקקערן צו די באס סטאנציע און זוכן א פרישער וועג קיין ירושלים עיה"ק.

זיי זענען אריין אין די שטאטישע שול פון קרית שמונה אבער דארט האט מען זיי געזאגט אז עס איז נישט דא דארט קיין מנין. זייענדיג אין א פארלעגנהייט האט זיי איינער גע'עצה'ט אז נישט ווייט פון דא זיצט מען שבעה און אז זיי ווילן זאלן זיי אהינגיין.

די בחורים זענען געווען פארצווייפלט. עס איז נישט אזא געשמאקער זאך אריינצוקומען צו א פרעמדע שבעה, אבער נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה זענען זיי אהין געגאנגען און דארט האבן זיי געטראפן א מנין מנחה.

נאכ'ן דאווענען כהלכה האט איינער פון די מנחמים זיך געוואנדן צו זיי און געפרעגט וואו זיי דארפן אנקומען?

"מיר דארפן צוריקפארן קיין ירושלים".

"זייער גוט! ווייל איך פאר אויך קיין ירושלים. ענק קענען קומען מיט מיר".

דער יונגערמאן האט זיי דערציילט אז ער איז אהערגעקומען מנחם אבל צו זיין די אידן און יעצט קענען זיי מיטקומען מיט אים אהיים.

דא האט מיין מאיר געזען אז פון מקפיד זיין אויף די הלכה פארדינט מען נאר. אזוי ארום איז ער אנגעקומען צוריק קיין ירושלים נאך שנעלער ווי ווען ער וואלט ווען געפארן מיט די ארגינעלע באס־רייזע קיין ירושלים.

## די סגולה פון ברכת המזון

ווען מיין זון האט זיך צוריקגעקערט פון א שפאציר וואס ער איז געגאנגען פון חדר און ער האט נישט געהאט זיינע גלעזער האב איך געוואלט וויסן וואס עס איז געשען מיט זיינע גלעזער.

"איך דארף דאנקען דער באשעפער אז נאר מיינע גלעזער זענען נישט דא, אבער איך בין יא דא".

וואס רעדסטו? האב איך נישט פארשטאנען וואס ער מיינט דערמיט. מיין קינד האט מיר אנגעהויבן דערציילן אז זיי האבן צוזאמען שפאצירט מיט די כיתה ווען אינמיטן האבן אפאר קינדער באשלאסן אז זיי גייען גיין זייטיג. זיי האבן שפאצירט אביסל זייטיג צו די גרופע.

גייענדיג אזוי האט ער פלוצלונג אנגעהויבן צו שפירן ווי די ערד אונטער וואס ער גייט איז וואקלדיג און ער הייבט אן צו גליטשן טיפער און טיפער. מיטאמאל האט ער געזען פאר זיך א טיפער תהום און זיין לעבן איז אין א סכנה.

איך האב געזוכט אין וואס איך קען זיך אנכאפן. די

## א הונדערטער מיט א תנאי

מיין נאמען איז משה יהודה. איך לערן שוין אסאך יארן אין די ישיבה וואו כ'לערן און איך ווער פאררעכענט פון די עלטערע בחורים פון די ישיבה. אזוי ווי איך בין שוין נישט א יונגער בחור האט מען אויף מיר ארויפגעלייגט דער תפקיד פון זיין דער אחראי אויף דער אוצר הספרים פון די ישיבה.

נאכ'ן באקומען דער תפקיד האב איך פראבירט מיט אלע כוחות עס אויסצופירן אזוי ווי עס דארף צו זיין. איך האב אנגעהויבן איבערקוקן די ספרים אין די ישיבה און זיך אומקוקן ווי מען דארף פאררעכטען און וואס מען דארף צו קויפן און וואס נישט.

מיט די צייט האב איך אנגעהויבן באמערקן אז געוויסע ספרים זענען צעריסן און צעפליקט און אויך אז עס פעלן אסאך סארטן ספרים אין די ישיבה. זעענדיג דער מצב האב איך באשלאסן אז מען גייט מאכן א סדר אין די ספרים. איך האב געוואלט קויפן נייע ספרים אבער נייע ספרים קאסט אסאך געלט און די קאסע איז ליידיג. נישט האבנדיג קיין געלט האב איך באשלאסן אז איך גיי ארויסגיין מיט א שטיקל מגבית לטובת די ספרי הישיבה. איך האב אנגעגרייט א שיינע מודעה און געבעטן פון אלע בחורי הישיבה אז שטייענדיג ערב די הייליגע טעג ווען יעדער זוכט זכותים וועט זיכער זיין א גוטער זכות אז מען זאל תורם זיין געלט פאר די ספרי הישיבה.

זוכנדיג אז עס זאל אריינקומען אסאך געלט האב איך צוגעלייגט אויפ'ן צעטיל א שורה אז ווער עס וועט מיר געבן געלט וועט זוכה זיין צו זען א ישועה. מער ווי איך האב געגלייבט אז איך וועל זען ישועות ביי אנדערע האב איך געהאפט אז איך וועל פאר מיר פועל'ן א ישועה. איך האב געהאפט אז איך וועל געהאלפן ווערן מיט א שידוך און אז בקרוב וועט מען שוין דארפן זוכן א נייער גבאי פאר די אוצר הספרים.

עס איז געווען ראש חודש אלול וועלכער איז אויסגעפאלן די יאר מוצאי שבת און מיר זענען געזעסן אין די עס־זאַל פון די ישיבה און צוזאמען בצוותא חדא האבן מיר געפראוועט א סעודה פון מלוה דמלכה. מיר האבן געזינגען שירי התעוררות, ווי עס פאסט זיך פאר די ימי הרחמים והרצון. די הערצער זענען געווען אפען. איך האב געשפירט אז יעצט איז א גוטער צייט. איך האב אראפגעלייגט די גרייטע מודעות אויפ'ן טיש און געבעטן פון מיינע חברים אז יעדער זאל זיך צופלייסן און ארבעטן פאר דער אוצר הספרים פון די ישיבה.

די סעודה האט זיך געענדיגט. מען האט געבענטשט ווען א בחור מיט'ן נאמען חיים יוסף איז צוגעקומען צו מיר. איך מיט חיים יוסף זענען שוין אלטע פריינט אבער עס איז דא עטליכע שטארקע חילוקים צווישן מיר און אים. אויסער וואס איך בין עלטער פון אים מיט א שיינע פאר יאר איז ער אויך א חתן און איך נישט. איך האב געזען אז ער וויל מיר עפעס זאגן, אבער ער ווארט אז עס זאל ווערן ליידיג ארום און ארום אונז.

ווען עס איז ענדליך ליידיג געווארן ארום אונז האט ער מיר געזאגט וואס עס איז אים געלעגן אויפ'ן הארץ.

"דו טוסט א גרויסער זאך", האט ער אנגעהויבן זיין שמועס.

"און איך וועל נעמען א חלק אין די מצוה", האט ער ממשיך געווען, און דערביי האט ער ארויסגענומען פון זיין טאש א הונדערט דאלער באַנקנאָט און עס אויסגעשטרעקט צו מיר.

"אבער איך האב א תנאי".

א תנאי? האב איך זיך געוואונדערט.

"דו ווייסט דאך ווי שטארק איך וויל אז דו זאלסט געהאלפן ווערן. אויב דו נעמסט זיך אונטער אויסצוהערן די שיעור פון ר' דוד קלעצקין, דער שיעור נומער 298 איז דער הונדערט דאלער דיינער".

"דאס אלעס"? האב איך זיך געוואנדערט.

"יא, דאס איז אלעס", האט חיים יוסף געענטפערט.

"איך האב מסכים געווען און די הונדערטער האט געלאנדעט אין מיין טאש, די ערשטע געלטער פאר מיין מגבית פאר'ן אוצר הספרים.

יענער נאכט בין איך אהיימגעקומען אין שטוב און זיך געאיילט אויסצופירן די תנאי. איך האב אריינגעקלינגען אין די האטליניע און אנגעהויבן אויסהערן דער שיעור נומער 298. ווי מער איך האב געהערט האב איך אנגעהויבן פארשטיין וואס ער וויל פון מיר, אבער איך האב געשפירט אז עס איז נישט פאר מיר.

"דו האסט מיר גוט מסדר געווען", האב איך געטראכט צו זיך וואס מיין חבר האט מיר דא אפגעטון.

די שיעור האט זיך גערעדט פון נישט רעדן ביים דאווענען און איך בין ליידער זייער געשלאגן אין דעם. אלעמאל בין איך דער ראש המדברים. פאר יעדן איינעם האב איך עפעס וואס צו זאגן און יעצט וויל ער אז איך זאל מקבל זיין

אויף זיך אז מער גיי איך נישט רעדן ביים דאווענען.
אין דער שיעור האב איך געקענט הערן א ברייטער שמועס איבער די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען. איך בין געווען זיכער אז חיים יוסף מיינט מיין טובה. ער וויל מיר העלפן. ער ווייסט אויך אז איך זוך א סגולה, איך וויל געהאלפן ווערן, אבער אזא זאך האט אויסגעזען ביי מיר, מער ווי כ׳קען דערהייבן.
איך בין געבליבן זיצן ביים טיש פארטראכט און צעמישט. עס איז מיר געווען קלאר אז איך מוז עפעס טון אבער פון וואו הייבט מען אן? פון וואו נעמט מען די כוחות? איך קען זיך צי גוט און כ׳ווייס אז איך בין א גרויסער שמועסער און פלוצלונג זאל איך אלעס אפלאזן און אויפהערן צו רעדן?
איך בין נאך אזוי געזעסן ביים טיש ווען דער טיר האט זיך געעפנט אן עפן אויף. ביים שוועל איז געשטאנען מיין טאטע און זעענדיג ווי איך זיץ אזוי האט ער פארשטאנען אז עפעס האט פאסירט מיט מיר.
"וואס איז געשען?" האט ער געוואלט וויסן.
איך האב אים דערציילט די מעשה. ער האט געשמייכלט און באשלאסן אז ער גייט זען פון וואס עס רעדט זיך. ער האט אנגעצינדן דער האטליניע און אויסגעהערט דער שמועס און אויך ער איז געווארן זייער אומרואיג.
ווי די וועלט זאגט פאלט נישט דער עפל צי ווייט פון דעם בוים און אויך ער איז א גרויסער שמועסער און אויך ער, הערנדיג ווי הארב די זאך איז, האט אנגעהויבן טראכטן וואס זאל ער שוין טאן.
"איך קען זיך אויך נישט איינהאלטן", האט דער טאטע געזאגט און צוגעלייגט אז די איינציגסטער מאל וואס ער האלט זיך איין איז ביי דער לאנגער מוסף פון ראש השנה אז די ברכות פון תקיעות זאלן חל זיין אויף שפעטער אבער ווייטער ווי דעם קען ער זיך נישט איינהאלטן.
"איך שפיר ביי מיר ווי איך בין דעמאלטס יוצא איינמאל א יאר פאר א גאנצע יאר", האט ער מיר א זאג געגעבן דעמאלטס.
מיר האבן זיך צושמייכלט. אויב דער טאטע זאגט אזוי, וואס זאל שוין זיין דער זון זאגן? מיר האבן געשפירט אז מיר זענען נישט מסוגל זיך צו טוישן און מיט די החלטה אז אלעס בלייבט אזוי ווי עס איז זענען מיר געגאנגען שלאפן יענער נאכט.
דעם נעקסטן צופרי האבן מיר געטרינקען א קאווע. איך בין אזוי געזעסן אין קאך און מיין טאטע איז אויך אריינגעקומען אין קאך און מיטגעטרינקען מיט מיר א קאווע.
"איך האב נישט מצליח געווען איינצושלאפן ביינאכט", האט מיר מיין טאטע געזאגט.
"איך האב נישט געקענט ענדיגן טראכטן פון דעם אז וויאזוי קען איך בעטן פון השי"ת ער זאל אויסהערן מיינע תפילות, ווען איך בין אזוי מזלזל אין די תפילה און כ׳רעד ארום ביים דאווענען", האט מיין טאטע ווייטער געשפינט דער שמועס.
מיין טאטע איז אויך געקומען צו מיר מיט א שטיקל פלאן. ער האט געזאגט אז אזוי ווי היינט איז ראש חודש אלול און פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור איז דא פערציג טעג, זאל איך זיך מקבל זיין אז לפחות ביז נאך יום כיפור וועלן מיר נישט רעדן ביים דאווענען.
"די פערציג טעג זענען קעגן די פערציג טעג קודם יצירת הולד, ווען מען רופט אויס אין הימל אז בת פלוני לפלוני, לאמיר האפן אז דאס וועט ברענגען די ישועה".
זעענדיג אז מיין טאטע איז גרייט זיך אזוי אנצושטרענגען וועגן מיר האב איך באשלאסן אז איך שליס זיך אויך אן. מיין טאטע איז געווען פראקטיש און ויסנדיג אז עס וועט נישט זיין גרינג, האט ער ארויסגענומען פון זיין טאש א שטיקל פאפיר און ארויפגעשריבן אויף איר, אז ער האט זיך מקבל געווען אז ער האט זיך מקבל געווען א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען און ער בעט אז מען זאל אים נישט שטערן!
איך האב געטון די זעלבע. איך האב אויך געשריבן אזא צעטל און עס געלייגט נעבן מיר ביים דאווענען און איך האב זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות און נישט גערעדט ביים דאווענען.
און די רעזולטאטן האבן נישט פארשפעטיגט צו קומען.
עס האט נישט געדויערט מער ווי פיר טעג שפעטער און פיר אזייגער נאכמיטאג בין איך געווארן א חתן! דער שידוך האט מען שוין געהאט אנגעטראגן פאר פיר יאר צוריק, בשעתו איז עס אראפ פון טיש, אבער יעצט איז עס צוריק ארויפגעקומען און ביז עטליכע שעה האט מען שוין געהאלטן דערנאך.
מיט א באגייסטערונג האב איך אנגעקלינגען פאר ר׳ דוד און אים דערציילט די מעשה און זיך באדאנקט פאר אים.
כדרכו פון ר׳ דוד האט ער געהאט פאר זיך א שטיקל חשבון אז איינאיינעם מיט מיין טאטע איז א קיימא לן פון אכציג טעג און אז מען רעכנט אויס פון זונטיג אכט אזייגער אינדערפרי, ווען מיר האבן געמאכט די קבלה, ביז מיטוואך פיר אזייגער נאכמיטאג, קומט מען אן צו א סך הכל פון אכציג שעה.
מיר זענען מלא שבח והודיה אז דער שידוך איז אנגעקומען און א דאנק פאר מיין חבר יוסף חיים פאר׳ן זיין דער גוטער שליח, און בדרך אגב אויב איר ווייסט אויף א געוויסער בחור וואס פאסט צו זיין דער גבאי פון דער אוצר הספרים קען מען זיך ווענדן צו די ישיבה...

איינציגסטע זאך וואס איך האב געטראפן נעבן מיר איז געווען א בוים פון דערנער.
איך האב זיך געגעבן א כאפ אן איר איר און אזוי ארום, האב איך זיך צוריק ארויפגעדראפעט אויף ארויף.
אין יענע קריטישע סעקונדעס וועלכער האבן אויסגעזען ווי עק וועלט זענען געקומען צוגיין צוויי חברים און זעענדיג ווי ער דראפעט זיך אזוי האבן זיי אים צוריק ארויפגעשלעפט און זיין לעבן איז געראטעוועט געווארן.
איך האב נישט געקענט גלייבן וואס איך הער. איך האב געוואלט וויסן וועלכער צייט די זאך איז געווען. ער האט מיר געזאגט די גענויע צייט און מיין טרייסל איז געווארן גרעסער. פונקט אין יענע מינוטן האב איך געבענטשט ברכת המזון.
געציילטע טעג פריער האב איך געהערט א חיזוק נפלא איבער ברכת המזון. דארט האט מען גערעדט אז עס איז אייביג בעסער אז מען זאל זיך וואשן צו א סעודה און נישט עסן פשוט׳ע עסן, ווייל אזוי ארום קען מען אריינכאפן די מצוה פון ברכת המזון.
מיר האבן דארט געלערנט אז אין ברכת המזון קען מען טרעפן אלע אותיות מיט אַן אויסנאם פון דער אות 'ף' און דאס איז א סגולה אז דער וואס בענטשט ערליך ווערט ניצול פון יעדער סארט 'אף' וקצף.
און טאקע, ממש דעמאלטס, ווען איך האב זיך געזעצט צו ברכת המזון, האב איך אינזינען געהאט די נקודה און ברוך השם אז איך האב זוכה געווען אז השי"ת האט מיר מציל געווען אז קיין אף וקצף זאל נישט שולט זיין אויף מיינע קינדער.

## צוויי שידוכים

נאך איידער די חבורה האט זיך ארויסגעלאזט אויף א שבת אין די געגנטער פון צפון טייל ארץ ישראל האבן מיר זיכערגעמאכט אז מיר האבן א גוטע דירה אויף שבת. מען האט געטראפן א דירה, די פרייז פון די דירה איז געווען 800 שקל.
מיר האבן גענומען די דירה אָן וואס מען זאל וויסן פריער וויאזוי עס זעט אויס און ווען מיר זענען אנגעקומען אהין איז אונז פינסטער געווארן פאר די אויגן. די דירה איז געווען איין שטיק חורבה. עס איז געווען א הייסע שבת און די דירה האט ניטאמאל געהאט אַן עירקאנדישען.
די בחורים זענען געווען ביטערליך אנטוישט. מען האט באשלאסן אז אזא דירה איז נישט ווערד די פולע פרייז. אנשטאט צו צאלן 800 שקל וועלן מיר צאלן 600 שקל.
די דירה האט געהערט פאר אַן אלמנה. עס קען זיין אז די בחורים האבן געהאט רעכט אבער די החלטה אראפצוציפן פון די פרייז 200 שקל איז נישט געווען דורכגעשמועסט מיט א מורה הוראה און דאס איז געווען אויסערדעם וואס די אלמנה האט קלאר געזאגט אז זי קען נישט אראפלאזן די פרייז, ווייל זי לעבט פון דעם א גאנצער וואך.
דער רוב עולם האט געהאלטן אז עס איז אן אויסגעהאלטענער החלטה אבער פאר צוויי בחורים האט עס געשטערט און זיי האבן באשלאסן ארויפצוגיין צו די אלמנה אין שטוב און איר פארשלאגן א הצעה. זיי האבן איר דערציילט וואס די בחורים פלאנען און איר געזאגט אז זי זאל זיי זאגן אז זי האט לכתחילה געטראכט צו נעמען פון זיי 600 שקל און זיי וועלן שוין משלים זיין די איבעריגע 200 שקל.
די פרוי האט מסכים געווען מיטצוארבעטן. מוצאי שבת האט זי געגעבן נאך 600 שקל און די בחורים האבן איר באצאלט די דיפערענץ.
די פרוי איז געווען אזוי גערירט פון די געשיכטע אז זי האט געבעטן די נעמען פון די בחורים און געזאגט אז זי וועט מתפלל זיין פאר זיי אויף א זיווג הגון.
יענער חודש איז דער ערשטער בחור וואס האט געגעבן די געלט א חתן געווארן, צוויי וואכן שפעטער איז דער צווייטער בחור א חתן געווארן.

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך האב זיך געגרייט צו גיין מבקר חולה זיין א איד. אנקומנדיג צו די באס סטאנציע צו נעמען די באס צום שפיטאל איז דער באס אוועקגעפארן פאר מיינע אויגן. זעענדיג דאס האב איך באקומען ספיקות, אפשר וויל נישט השי"ת אז איך זאל גיין מבקר חולה זיין דעם איד. די שאלה האב איך אסאך מאל ווען עס קומען מיר אונטער עיכובים צו טון א מצוה. צי איז עס א סימן אז איך זאל עס נישט טון אדער איז עס פארקערט, מען ווארט פון מיר אז איך זאל זיך שטארקן אויף די נסיון און עס יא טון, אפילו ווען עס זעט מיר אויס שווער און אז עס איז דא שוועריגקייטן אונטערוועגנס?

שאלה נומער 51 — א.י.ד.א. פון ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### א חשש אויף אן איסור דאורייתא

**הרב אברהם אריה עליפאנט פון בית שמש, הרב יעקב חבה פון ביתר עילית און הרב יאיר חיים כהן פון בית שמש:** איידער מיר לאזן זיך אריין דן צו זיין איבער דער ענין צי עס איז נוגע צו מידת בטחון דארפן מיר דן זיין צי דער נושא גרעניצט זיך נישט מיט א דאורייתא'דיגע שאלה. מיר ווייסן אז עס איז דא א לאו פון לא תנחשו און דא איז עס זייער נוגע. אפילו אויב מיר וועלן אננעמען אז עס איז מותר, שרייבט שוין דער רמ"א [שו"ע סימן קעט סעיף ד] אז ווער עס גייט בתמימות מיט השי"ת איז זוכה אז חסד השם יסובבנו. עס מיינט אז אפילו אויב עס איז מותר, דארף זיך דער מענטש פירן בתמימות און נישט מיט סימנים אז ווייל עס איז געשען אזוי איז עס אזוי. אויסערדעם טרעפן מיר נישט אז אונזערע רבי'ס האבן זיך אזוי געפירט. זייערע אלע מעשים איז געווען געוואויגן על פי תורה ויראת שמים, נישט אויף סימנים.

א מעשה־רַב ברענגט אראפ **הרב שלמה זוסמאן פון אופקים:** אלץ בחור האב איך זוכה געווען צו עסן ביים טיש פון דער בעל ברכת אברהם הגאון רבי אברהם ערלאנגער זצ"ל. אמאל האב איך אים דערציילט אז א בחור האט זיך אוועקגעזעצט לערנען און נאך איידער ער האט אנגעיאגט זיך צו פארטיפן אין די סוגיא איז מען אים געקומען זאגן אז מען קען דא נישט לערנען ווייל מען דארף דא אויסרייניגן די שול. דער בחור איז אריבער אין א צווייטער שול און ווי נאר ער האט אנגעהויבן לערנען האט זיך די לעקטער פארלאשן. דער בחור האט געזאגט אז דאס איז א סימן אז ער דארף יעצט נישט לערנען. דער בחור האט פארמאכט די גמרא און ער איז געגאנגען טון עפעס אנדערש. ווען דער גאון האט דאס געהערט איז ער געווארן זייער דערציטערט. וויאזוי קען א בחור זאגן אזא זאך? ער האט ארויסגענומען פון שאפע א שלחן ערוך און אויפגעמישט דער טור אין יורה דעה און געוויזן אז דארט שטייט אז א מנחש איז איינער וואס זאגט אז א ברויט איז ארויסגעפאלן פון מויל, אז מיין שטעקן איז ארויסגעפאלן פון מיין הענט, אדער אז מיין זון רופט מיר, אדער אז א הערש האט מיר אפגעשטעלט אין וועג, אדער אז א שלאנג איז אריבער אויף די רעכטע זייט, אדער א פוקס אויף די לינקע זייט, אז איינער מאכט פון דעם א ניחוש אז ווייל דאס האט פאסירט וועט ער נישט גיין אין וועג, אדער אנהייבן די ארבעט, דאס איז ניחוש.

### לפום צערא אגרא

**הרב אברהם אייזנבאך פון בית שמש:** מיר ווייסן אז די סארט סימנים קומען אייביג אונטער, בפרט ווען מען דארף טון עפעס א מצוה. אויב מען וועט זיך רעכענען מיט דעם וועט מען קיינמאל נישט קענען אנקומען צו טון וואס מיר דארפן טון און תורה מה תהא עליה?

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** מיר ווייסן נישט אלעמאל וואס איז דער רצון השם. אזא מחשבה אז אפשר מיינט דאס דער באשעפער, איז נישט רעלעוואנט, ווייל מיר ווייסן נישט וואס עס איז זיין רצון.

**הרב מרדכי ספטימוס פון אופקים, הרב מנחם מנדל שטראוס פון בני ברק, הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש, הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב אהרן כץ פון ירושלים, הרב אברהם צבי ווייס פון אשדוד, הרב חיים זלמן מעלצער פון בית שמש, הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב אברהם קמחי פון ירושלים, הרב יצחק קליין פון אשדוד, הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש, הרב נפתלי ווייס פון בני ברק און הרב ישי מעטוף פון פתח תקווה:** ווען דו וואלסט געפרעגט דיין שאלה פאר א דבר הרשות וואלט מען נאך געקענט טראכטן צי יא, צי נישט, אבער דיין שאלה איז געווען אויף א דבר מצוה. דארטן איז זיכער נישט דא אזא שאלה. אדרבה, ווי שווער די מצוה קומט אן אלץ גרעסער איז דער סימן אז מען רעדט פון א דבר טוב. מען דארף וויסן אז דער יצר הרע שטעלט אייביג אונטער מניעות. מיר טרעפן עס ביי אברהם אבינו, וויאזוי דער יצר הרע האט אים פארדרייט א קאפ ווען ער איז געקומען צו גיין צו די עקידה און נאר ווייל ער האט איגנארירט די אלע שטערונגען האט ער זוכה געווען צו דאס וואס ער האט זוכה געווען, און עס איז אזוי ביי יעדער מצוה.

**הרב משה קרישעווסקי פון ביתר עילית און הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** דער בעסטער וועג וויאזוי מען קען זיך אליין בוחן זיין איז צו זען וואס וואלטן מיר געטון ווען עס וואלט זיך גערעדט פון פארדינען א גרויסער סומע געלט. צי וואלטן מיר אויך אין אזא פאל געזאגט די זעלבע זאך אז דאס איז דער רצון השם, אדער דארטן וואלטן מיר געטראכט אז נייין! מען דארף זיך אנשטרענגען און מיט דעם אלעם גיין. אויב ביי געלט וואלטן מיר געזאגט די זעלבע איז דאך זיכער אז עס איז אזוי ווען עס קומט צו א מצוה.

## א שאלה פאר גליון 102

מיר לעבן היינט אין א וועלט וואס איז פול מיט סגולות. כמעט אויף יעדער פראבלעם איז דא א סגולה. איך וואלט געוואלט וויסן צי דער עוסק זיין אין סגולות גרעניצט זיך מיט א ריבוי השתדלות? די שאלה איז נאך שטערקער ווען עס רעדט זיך פון סגולות וואס עס איז נישט זיכער אז זיי העלפן.

א' י' ס' מבני ברק

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת וירא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### די תוצאה: שמחה, חיות, אש להבה

פון צייט צו צייט וועלן מיר, די חברים פון דער 'שער הבטחון פון נאוואהרדאק' שול אין לעיקוואד זיך צוזאמענעמען אויף א שבת אחים און זיך אויסשמועסן אין ענינים וואס זענען נוגע אויף עבודת השם.

ביי די לעצטע באגעגעניש האט די חבורה עוסק געווען בעניני 'תשובה'. מיר זענען געזעסן אינאיינעם און דן געווען וויאזוי מען קען ווערן אַן אמת'ער בעל תשובה. דער סדר איז ביי אונז איז אז מען רעדט אפן. יעדער טיילט מיט זיין פריוואטער פארמעסט אין עבודת השם און וואו עס כאפט אים די שוואכקייט און וואס ער האט שוין געטון דערצו און וועלכער זאך האט אים געהאלפן און וועלכער זאך נישט.

די באגעגענישן טראגן דער געשטעל פון א ביזנעס מיטינג. יעדער איינער איז א סוחר און יעדער רעדט פון זיין ביזנעס. מען דערציילט וויאזוי עס גייט אים אין די ביזנעס. צי עס גייט אים גוט אדער שלעכט און ער נעמט עצות פון דער צווייטער וויאזוי ער קען זיך אויסבעסערן אין די ערטער וואו עס גיי אים נישט גוט און הערט וואס ער קען טון אז עס זאל אים יא גיין גוט.

דער סלאגאן פון נאוואהרדאק איז דער 'רוח איש יכלכלהו' אז דער עיקר איז דער רוח, דער פייער, די חיות, די התלהבות און די התפעלות.

פון די שבת אחים גייען מיר ארויס מלא שמחה און מיט אסאך אהבת חברים. אסאך מענטשן מיינען אז מיר זענען אזוי בשמחה און אזוי ידידות'דיג ווייל ביי די באגעגענישן רעדן מיר פון שמחה און פון אהבת חברים, אבער דער אמת איז נישט אזוי. מיר רירן נישט אן די זאכן. אונזערע שמועסן זענען נוגע די שורש הדברים ווי קנאה, תאוה, כבוד. ווען מען ווייסט ווי מיאוס יעדער זאך איז פאר זיך אליינס, ווערט מען מלא שמחה, די הערצער ווערן נענטער איינער צו די אנדערע.

און אזוי איז עס געווען אין אלע דורות. אלעמאל האט נאוואהרדאק גע'שמ'ט אלץ אן ארט וואו עס איז דא אסאך שמחה און אסאך בין אדם לחבירו. עס איז נישט אז מען האט עוסק געווען אין דעם. עס איז געווען אין די דערמאנטע בחינה, אז מען האט געארבעט אויף דער שורש הענין און אז דער שורש איז אויסגעארבעט איז די תוצאה אז מען איז מלא שמחה און מלא פון אהבת חברים.

אמאל האב איך גערעדט מיט א חשוב'ער רב אז עס וואלט געווען א גוטער זאך אז מען זאל קובע זיין א שעה א טאג ווען יעדער איז עוסק בתשובה. דער רב האט געעפנט אויף מיר צוויי פארוואונדערטע אויגן. יעדן טאג א שעה? ער האט נישט פארשטאנען וואס כ'וויל פון אים. עס קען זיין אז א שעה איז אפשר צופיל, אבער צען מינוט? דאס איז שוין נישט אזויפיל. וויאזוי איז מען עוסק בתשובה? אז מען לערנט ספרי מוסר איז מען עוסק בתשובה. מען דארף לערנען מיט התפעלות. ווען מען לערנט דארף מען זיך מתבונן זיין וואו מען קען זיך פארבעסערן און די תוצאה פון אזא סארט לימוד איז אז מען קומט אן דורכדעם צו אמת'ע שמחה, צו חיות דקדושה, צו ווערן אַן אש להבה פאר השי"ת.

איך האב געקענט א איד וואס האט געהייסן רבי עוזר שווארץ זצ"ל. טאג טעגליך האט ער במשך צוויי שעה געלערנט ספרי מוסר און מען האט עס דערקענט אויף אים. ער האט געלעבט מלא בענווה און מיט צניעות, ער האט געהאט אן אמת'ער שמחת החיים, אייביג איז ער געווען פריש און מונטער. הלוואי זאלן מיר זוכה זיין עוסק צו זיין בתשובה תמיד.

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העבראיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באקומער

איך האב אייך געוואלט פערזענליך באדאנקען פאר דער וואונדערליכער כינוס וואס איר האט צוגעשטעלט פאר'ן ציבור אין דעם פארלאפענער חול המועד סוכות. עס איז געווען א זעלטענער דערהויבענער איבערלעבעניש. אויסער וואס דער עצם כינוס איז געווען אויסטערליש שיין איז עס אויך געווען א זעלטענער איבערלעבעניש צו זען אלע רעדנער ווען איך הער אויס א גאנץ יאר שטיין פאר מיר און זיי זען לעבעדיג. איך וואוין ווייט אוועק אבער דאך האב איך זיך מטריח געווען און איך בין געקומען צו פארן צום כינוס. איך בין נישט געקומען אליינס, איך האב מיטגעברענגט מיט מיר אלע מיינע קינדער און עס האט זיך געלוינט. אויסער די אינהאלטסרייכע דרשות און דער זען די רעדנער לעבעדיג האט עס דערווארעמט דער הארץ צו זען דער ציבור. עס איז געווען קאליפול און צו טראכטן אז אלע זענען צוהערער פון די האטליניע געבט אריין א געשמאק. לאמיר האפן אז מיר וועלן עס נאכאמאל זען.

## מצד די געבער

דער לעצטער ערב שבת האט מיין קליינע טאכטער געכאפט א טיפער שניט אין איר פנים. מיר האבן זיך געוואנדן צו די נענטסטע מעדיצינישע צענטער און נאכ'ן ווארטן דארט צוויי שעה האט מען אונז געלאזט וויסן אז אין א שעה ארום וועט מען קעיר נעמען פון די זאך. עס איז געווען ערב שבת און ווען איך האב געמאכט א חשבון ביי מיר ווען איך וועל צוריקזיין אין שטוב איז מיר אויסגעקומען אז איך וועל נישט קענען צוריקזיין פאר שבת און כ'וועל דארפן גיין א לאנגער מהלך צופוס ביז צו מיר אין שטוב. אין יענע מינוטן האב איך זיך דערמאנט פון דער מכון שער הבטחון. איך האב צוזאגט אז איך וועל תורם זיין פאר זיי א סכום. הארט נאכדעם האט דער דאקטאר געלאזט וויסן אז ער גייט געבן אן אנדערע סארט באהאנדלונג וואס מען קען מאכן גלייך און אויפ'ן פלאץ. מען האט געמאכט די סארט באהאנדלונג און מיר האבן עספיעט צו זיין אין שטוב צוואנציג מינוט פאר'ן זמן.

**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העבראיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה